בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בשלח תשע"ו | גליון 344 [שנה ח']

## פארוואס שטייט נישט וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף אין פרשת בא

וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ כִּי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִיתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם: (י"ג י"ט) לכאורה איז שווער א קשיא אז דער פסוק וואלט געדארפט שטיין אין פ' בא (י"ב ל"ז) ביי וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵרַעְמְסֵס, ווען די אידן זענען געגאנגען און האבן גענומען די עַצְמוֹת יוֹסֵף, פארוואס ווארט די תורה ביז דא צו זאגן אז וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף? אויך איז שווער וואס רש"י פרעגט, פארוואס האט יוסף נישט געהייסן מען זאל אים גלייך ארויפנעמען קיין ארץ ישראל אזוי ווי יעקב האט געהייסן? כדי דאס צו פארענטפערן קען מען זאגן אז יוסף הצדיק וואלט באמת געקענט בעטן מען זאל אים גלייך ארויפברענגען קיין ארץ ישראל, נאך ער האט אליין געזען ברוח הקודש אז עס וועט מוזן זיין קריעת ים סוף, און עס שטייט (בראשית רבה פ"ז ח') אין זכות פון עצמות יוסף איז געווען קריעת ים סוף, אזוי ווי עס שטייט הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס, מַה רָאָה? רָאָה אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף. ממילא קען מען זאגן אז אין פ' בא רעדט מען ווען די אידן דארפן ארויסגיין פון מצרים, און אפשר וועלן זיי ארויפגיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים, און מען וועט נישט דארפן שפאלטן דעם ים, ממילא וועט מען נישט דארפן אנקומען צום זכות פון עצמות יוסף, אבער יעצט פר' בשלח וואס שטייט וְלֹא־נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים, אז מען וועט נישט גיין גלייך קיין ארץ ישראל, נאר וַיַּסֵּב אֱלֹקִים אֶת־הָעָם דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר יַם־סוּף, עס וועט מוזן זיי קריאת ים סוף, וועט מען שוין דארפן אנקומען צום זכות פון עצמות יוסף, כדי דער ים זאל זען אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף, זיך דערשרעקן און שפאלטן, דעריבער שטייט דוקא דא וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ. (בית ישראל השלם– מאטטערסדארף)

## צוויי דרשות פון מכילתא און דער טעם

כִּי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר: (יג יט) זאגט רש"י פון מכילתא פארוואס שטייט א דאפעלטע לשון הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ: נאר הִשְׁבִּיעָם שֶׁיַּשְׁבִּיעוּ בְנֵיהֶם. אז יעדער קינד זאל באשווערן זיינע קינדער, אויך שטייט שפעטער כִּי־מָחֹה אֶמְחֶה אֶת־זֵכֶר עֲמָלֵק: (יז יד) זאגט דער מכילתא אויך אויף די דאפעלטע לשון, מָחֹה מיינט בעולם הזה, און אֶמְחֶה מיינט בעולם הבא, איז שווער פון וואו נעמט דער מכילתא די דרשות? נאר מיר האבן דעם כלל ווען די תורה חזרט איבער א ווארט למשל נָתוֹן תִּתֵּן (דברים טו י), הָקֵם תָּקִים (דברים כב ד), עָזֹב תַּעֲזֹב (שמות כג), הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ (ויקרא יט) וכו', און חז"ל דרשנען נָתוֹן תִּתֵּן, און הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אז עס מען זאל דאס טאן אפילו מאה פעמים. ביי הָקֵם תָּקִים, עָזֹב תַּעֲזֹב, מיינט דאס ביז פינף מאל, איז געוויינטלאך וואלט מען געדארפט דא דרשנען הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ אסאך מאל, אבער ביי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ איז שווער צו זאגן אז יוסף האט געדארפט אסאך מאל זיי באשווערן! דעריבער מוז מען לערנען פשט אז יוסף האט באשוואוירן יעדער קינד זאל באשווערן זיין קינד ביז מען וועט ארויף נעמען זיין ארון. דאס זעלבע איז ביי מָחֹה אֶמְחֶה, דער אויבערשטער זאגט מָחֹה ער וועט אויסמעקן עמלק, און נאך דעם אֶמְחֶה קען דאס נישט מיינען אסאך מאל, ווייל ווען עמלק איז שוין אויסגעמעקט איז נישטא נאכאמאל וואס אים אויסצומעקן! דעריבער דארשענט דער מכילתא אז אֶמְחֶה גייט ארויף אויף עולם הבא. (הדרש והעיון אב"ד ריישא)

## פארוואס איז געווען דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֻׁבוּ

דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן: (י"ד ב') זאגט רש"י וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת: הוא פִּיתוֹם, לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן: הוא נשאר מִכָּל אֱלֹהֵי מצרים, כדי להטעותן, שיאמרו קָשָׁה יִרְאָתָן. צו פארנארן די מצריים אז זיי זאלן זאגן אז די ער"ז איז געבליבן, און מיינען אז זייער געטשקע איז שטארקער פון אויבערשטן ח"ו. דארף מען פארשטיין: איינס, פארוואס האבן די אידן געמוזט צוריקגיין צו פִּיתוֹם צו בַּעַל צְפֹן? און צווייטנ'ס פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט איבערלאזן די ער"ז זיי צו פארנארן? נאר חז"ל זאגן אז דער ים האט געטענה'ט הללו ער"ז והללו ער"ז און אויב די אידן האבן געדינט ער"ז איז וואס זענען זיי בעסער פון די מצריים? מוז מען זאגן אז די אידן האבן תשובה געטאן! און דער רמב"ם פסק'נט אין הל' תשובה אז די ריכטיגע תשובה איז ווען עס קומט פארן מענטש דער זעלבער מצב און פלאץ פון די עבירה און ער טוט דאס נישט, דאס הייסט תשובה. ממילא כדי די אידן זאלן ווייזן אז זיי האבן תשובה געטאן, האט דער אויבערשטער איבערגעלאזט די ער"ז פון בַּעַל צְפֹן און געהייסן די אידן צוריקגיין צו פִּי הַחִירֹת, וואס דארטן איז געווען די ער"ז וואס זיי האבן אמאל געדינט, און יעצט האבן זיי דאס נישט געדינט, איז א סימן אז זיי האבן תשובה געטאן, ממילא איז נישטא די טענה פון ים אז די אידן זענען עובדי ער"ז. קומט אויס אז דער אויבערשטער האט איבערגעלאזט די ער"ז לטובת כלל ישראל און נישט פאר די מצריים. מיט דעם איז גוט וואס עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק "ופרעה הקריב" הקריבם לתשובה: ווייל פרעה האט זיי צוריק געקערט צו פִּי הַחִירֹת און די אידן האבן נישט געדינט די ער"ז, מיט דעם האט פרעה דערנענטערט די אידן צום אויבערשטן מיט זייער תשובה טאן. (ספר זכרון קדושים ח"ב דף כ"ח נתן א. מושקוביץ)

## הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־יְשׁוּעַת ה' און נישט הִתְיַצְּבוּ וְתִרְאוּ

הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה לָכֶם הַיּוֹם: (י"ד י"ג) אשר יַעֲשֶׂה איז א לשון עתיד ער וועט מאכן, און עס שטייט וּרְאוּ מיינט זיי ווען זען יעצט, וואלט געדארפט שטיין הִתְיַצְּבוּ וְתִרְאוּ וואס דאס איז א לשון עתיד? נאר משה רבינו האט ממשיך געווען דעמאלטס אויף כלל ישראל די גרויסע מדריגה פון רוח הקודש, צו קענען זען יעצט וואס דער אויבערשטער וועט טאן פאר זיי שפעטער, דאס מיינט וּרְאוּ, יעצט ווען זיי זען, אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה, וואס דער אויבערשטער ווען טאן שפעטער, און מיר טרעפן דאס זעלבע וואס חז"ל זאגן (מכילתא דשירה ג, ד"ה זה אלי) ראתה שפחה על הים מה שלא ראתה יחזקאל, אז אפילו די שפחות האבן געהאט רוח הקודש ביים ים סוף, און דאס מיינט וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־הַיָּד הַגְּדֹלָה, "יָד" איז מרומז צו נבואה, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לז א) הָיְתָה עָלַי יַד ה', א לשון פון נבואה. (שפת אמת תרמ"א)

## וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן ביים דאווענען

ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן: (יד יד) דער בית ישראל פון גור זיע"א האט געטייטשט, עס איז ידוע אז איינע פון די סיבות וואס תפילות גייען נישט ארויף, איז ווייל מען רעדט ביים דאווענען, אבער אויב א שול רעדט נישט, גייען יא ארויף די תפילות דארטן, דאס מיינט ה' יִלָּחֵם לָכֶם, אויב מען וויל אז דער אויבערשטער זאל זיך שלאגן פאר אייך אנקעגן די מקטריגים, איז דעי עצה, וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן, מען זאל שווייגן און נישט רעדן אין מיטן דאווענען. (בית ישראל גור)

## דער מנהג העולם אז מען עסט באָקסֶער ט"ו בשבט

באקסער איז בלשון חז"ל חרוב, מיר טרעפן אין נביא [ישעיה א כ] וְאִם־תְּמָאֲנוּ וּמְרִיתֶם חֶרֶב תְּאֻכְּלוּ חרובין תאכלו, חרוב איז א לשון פון טרוקן עס איז א טרוקענע פרוכט. אנדערע זאגן עס זעט אויס ווי א שווערד. און אין פסוק שטייט חרב און חרובין, די גמ' [ברכות י"ז: תענית כ"ד:] ברענגט אז חנינא בני איז אים גענוג בקב חרובין. און די תנא אלקי רבן שמעון בר יוחאי און זיין זון האבן געגעסן חרובין אין מערה. אויך איז דא די מעשה פון חוני המעגל וואס די באקסער בוים האט געוואקסן 70 יאר [תענית כ"ג.] מקור המנהג ווייל די גמ' [ר"ה ט"ו:] ברענגט נהגו העם בחרובין הגם מען רעדט וועגן מעשר פונדעסטוועגן איז דאס א סמך צום מנהג. היינט איז אבער זייער שווער מיט באקסער ווייל עס האט זייער אסאך ווערעם.

**נישט פארגעסן צו בעטן פאר א שיינעם אתרוג אין חמשה עשר בשבט**

## מדור העובדות

## **** ר' מאיר מפרימישלאן זיע"א איז מתיר א יונגע עגונה דורך זוכן איר מאן ****

צו הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל פלעגן קומען פיל אידן מיט זייער בקשות און נישט אלעמאל האט ער געוואלט ענטפערן און בפרט ווען ער האט פארשטאנען אז יענער פארלאזט זיך אופן רבין און פארגעסט פון רבונו של עולם דעמאלטס האט ער גאר ארויסגעווארפן פון צימער! איינמאל איז א יונגע פרוי אריין צו אים מיט יללות און בכיות אז איר מאן איז פארשוואונדן געווארן און זי קוקט ארויף אז דער רבי וועט איר זאגן מיט זיינע אפענע אויגן וואו איר מאן געפינט זיך!

ר' מאיר'ל שפירט אז זי האט פארגעסן פון דעם איבערשטן און פארלאזט זיך נאר אויף אים, הויבט ער אן צו שרייען גיי ארויס פון מיין צימער, און זאגן בין איך דען א ג-ט וואס דו פארלאזט זיך אויף מיר און הייסט איר שנעל ארויסגיין.

די פרוי איז ארויס א צובראכענע, אבער זי האט זיך גלייך געחאפט אז וואס דער רבי האט געזאגט איז ריכטיג, און זי ווייסט אז תשובה העלפט בפרט ביי א הייליגע צדיק און מארגן ווארט זי ווייטער אריינגיין צום רבין. ווען זי איז אריין צום רבין האט זי שוין גערעדט אנדערש אז דער איבערשטער וועט איר זיכער העלפן און בעט אז דער צדיק זאל זיין דער גוטער שליח צו טרעפן איר מאן!

ר' מאיר'ל האט געשפירט אז די פרוי רעדט מיט א אמת, און דער רבי זאגט יעצט קענסטו אלעס דערציילן און זי נעמט זיך וויינען און אויסגיסן איר הארץ, אז איר מאן איז אנטלאפן פון איר און זי האט נישט געטראפן קיין שום שפור וואו זי קען אים טרעפן. ר' מאיר'ל גייט צו צום פענסטער און קוקט אהין און קוקט אהער ביז ער בלייבט קוקן אויף איין פלאץ און זאגט די פרוי פאר קיין זלאטשוב און ביי א געוויסע קרעטשמע אויף יענע גאס איז אויסגעשטעלט אסאך וואגאנען און חצר פון קרעטשמע, זאלסט שטיין ביים טויער פון חצר און צייל די וואגאנען און די צוואנציגסטער וואגען זאלסטו בעטן ער זאל דיר נעמען קיין פרימישלאן, און ברענג דעם וואגן זאל זיך אפשטעלן לעבן מיין הויז און זאלסט מיר מודיע זיין אז דו ביזט שוין דא, און זאג אים אז דו וועסט אים שיין באצאלן,

די פרוי הערט אפענע רייד פון צדיק און זי גלויבט אז דער צדיק ווייסט וואס ער רעדט אבער וואס האט דאס צו טאן מיט איר מאן? אבער ר' מאיר'ל הייסט איר שנעל גיין און נישט פארפאסן די געלעגנהייט און זי נעמט זיך גיין קיין זלאטשוב, דארטן זוכט זי דעם קרעטשמע אויפן גאס וואס דער רבי האט געזאגט און א פלא עס איז געווען פונקט וואס דער רבי האט געזען פון פענסטער און זי שטעלט זיך לעבן טויער און פלוצלונג עפענט זיך דער טויער פון חצר און וואגאנען הויבן אן ארויס קומען איינס ביי איינס.

די פרוי ציילט די וואגאנען און ווען דער צוואנציגסטער וואגן איז ארויס פון טויער גייט זי צו אים און בעט אים ער זאל איר נעמען קיין פרימישלאן, ער האט נישט געהאט חשק צו פארן קיין פרימישלאן אבער ווען זי האט אים געזאגט זי וועט אים צאלן א פולע פרייז האט ער מסכים געווען. דער וואגן קומט אן אין פרימישלאן און דער בעל עגלה פרעגט וואו דארף זי גיין און זי זאגט וואו זי וואוינט און דערוויל פארט דער וואגן דורך דעם רבין'ס הויז, און זי בעט דעם בעל עגלה אז זי דארף אריינגיין א מינוט אין דעם הויז און ער זאל ווארטן, דער בעל עגלה שמעקט נישט וואס עס גייט דא פאר אבער די פרוי האט אים בארוהיגט אז זי גייט אריין אויף א מינוט און מען פארט שוין ווייטער און זי וועט אים שיין באצאלן!

זי איז אריין אין שטוב און זאגט פארן גבאי איבערגעבן פאר ר' מאיר'ל אז דער וואגן איז אינדרויסן, דער רבי הייסט דעם גבאי ער זאל ארויסגיין און אריינרופן דעם בעל עגלה און זאגן אז דער רבי וויל רעדן צו אים. דער בעל עגלה האט זיך צובייזערט וואס האב איך מיט א רבי, איך בין נישט א איד וואס דארף מורא האבן פון א רבי און אים פאלגן! דערוויל דער רבי שטייט ביים פענסטער און קוקט די גאנצע צייט וואס גייט פאר און ווען דער רבי זעט אז דער בעל עגלה איז געווארן אין כעס און וויל נישט אריינקומען נעמט דער רבי קלאפן אויפן פענסטער און רופט אויס דעם אידישן נאמען פון דעם בעל עגלה און דער בעל עגלה הויבט אן צו טרייסלען און באקומט א מורא'דיגן פחד!

רופט זיך אן ר' מאיר'ל אז דו וועסט אריינקומען אין הויז וועט אוועקגיין די פחד און דער בעל עגלה איז אריינגעלאפן אין הויז פון ר' מאיר'ל און געפאלן צו זיינע פיס און פרעגט וואס וויל דער רבי פון אים? זאגט אים דער רבי דו ביזט דאך א איד! זאגט דער בעל עגלה אז איך האט געהאט אסאך נסיונות און איך האב נישט געקענט מתגבר זיין ביז איך האב זיך געשמד רח"ל, און איך וויל אז דער רבי זאל אוועקנעמען דעם פחד פון מיר, זאגט אים ר' מאיר'ל איך זע אז דו האלטס נישט ביים תשובה טאן אבער וואס איז שולדיג די פרוי וואס דו האסט איר איבערגעלאזט א עגונה און וועט קיינמאל נישט קענען חתונה האבן צוליב דיר!

פרעגט אים דער בעל עגלה וואו איז מיין פרוי יעצט? ענטפערט ר' מאיר'ל אז זי שטייט דא פאר דיר, זאגט דער גוי עס קען נישט זיין! און ער קוקט נענטער און זעהט אז דאס איז טאקע זיין ווייב און זי האט אויך יעצט דערקענט אז דאס איז איר מאן, און דער בעל עגלה זאגט איך פארשטיי נישט ווי דאס קען זיין אז איך בין געפארן מיט איר אזא לאנגע וועג און איך האב איר נישט דערקענט און די פרוי וואונדערט זיך אויך ווי אזוי זי האט אים נישט דערקענט! האט דער רבי געזאגט אז פון הימל האט מען אזוי געפירט אז ביידע זאלן נישט דערקענען איינעם דעם אנדערן כדי איר זאלט קומען דא צו מיר, און יעצט בעט איך דיר טייערער מאן, לאמיר גיין צו בי"ד און גיב דיין פרוי א גט כדי זי זאל קענען חתונה האבן. און ער האט מסכים געווען, דער גבאי האט זיי גענומען צו בי"ד און לויט סימנים אז דאס איז איר מאן האט מען געשריבן א גט און דער בעל עגלה האט איר דאס איבערגעבן און אזוי איז זי פטור געווארן פון די קייט פון עגונה אין זכות פון הייליגע אויגן פון ר' מאיר מפרימישלאן. די פרוי האט אים באצאלט פאר די נסיעה און ר' מאיר האט אים אויך צוגעגבן געלט און אלע האבן זיך געזעגנט בשלום זיע"א.


ניישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*
ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. עטליכע בריוו פון הגאון ר' יונתן שטייף פון פעסט. **נועם אלימלך דפוס סלאוויטא חסר דף האחרון,** מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$,** מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, תשובה פון הגאון מהרי"א אסאד 7500$, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. פסק דין פון פנים מאירות. קומט אריין און איבערציייגט זיך. ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר.
חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.**



***WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday** מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות **-- http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת